פון זיין לעבן. חוץ ארטיקלען און פעליעטאנען אויף אקטועלע פאליטישע און געזעלשאפטלעכע טעמעס, האט ער א סך געשריבן איבער יידישער געשיכטע און אלטער העברעאישער ליטעראטור. האט פארפירט א שארפע פאלעמיק מיט ד"ר חיים זשיטלאווסקי וועגן יידנטום און קריסטנטום. זי איז געווען געדרוקט אין דאס נייע לעבן (1910) א"נ „צו דער צלם־פראגע". ד"ר ג' האט אויך מיטגעארבעט אין די העברעאישע צייטשריפטן התורן, המקלט און הדואר.

אין בוכפארם: בלעטער אויס דער געשיכטע פון אבערגלויבען, לאנדאן, 1906, 50 ז'; דער אידישער גאט יהוה אמאל און היינט, לאנדאן, 1906; די פילאזאפיע פון געשיכטע פון העגרי טהאמאס באקל, נ"י, 1906, 32 ז'; וואס איז אן אפיקורס ?, לאנדאן; דער תלמוד — זיין ענטשטעהונג און ענטוויקלונג, ווארשע, 1910, 107 ז', פארגרעסערטע און פארבעסערטע אויפלאגע — ווארשע, 1931, 141 ז' (ארוים אויך אין שפאניש); די ענטשטעהונג פון קריסטענטהום, נ"י, 1917, 243 ז' (אויך דערשינען אין ווארשע, 1929); יידישע דענקער און פאעטן אין מיטלאלטער, ב' 1-2, נ"י, 1918-1919 (צווייטע אויפלאגע, נ"י — ווארשע, 1928-1929, ב' 1, 299 ז', ב' 2, 264 ז'). דער רמב"ם (רבי משה בן מימון), „זיין לעבן, זיין שאפען און זיין ווירקען" נ"י, 1935, 62 ז'. פסעוודאנימען: עוקץ, דער שטעכיגער, ד"ר א. זעלדעס.

ז. רייזען, לעקסיקאן, ב' 1; דוד פינסקי, צוקונפט, יוני, 1916; ר. ברייניו, צוקונפט, מאי, 1919; אברהם רייזען, צוקונפט, יאנ', 1930; אב. קאהאן, פארווערטס, 28 אקט', 1934; מ. אלגין, מארגן-פרייהייט, 29 אקט', 1934; מ. שטארקמאן, צוקונפט, מאי-יוני, 1942, און יארבוך, נ"י, תשי"ג; ש. אש, אידישער קעמפער, נ"י, 18 דעצ', 1942; ש. ניגער, צוקונפט, נ"י, דעצ', 1942; י. י. סיגאל, קענעדער אדלער, מאנטרעאל, 17 אקט', 1947; מ. אשעראוויטש, יארבוך פון סעמעטערי-דעפארטמענט פון „ארבעטער-רינג", נ"י, 1948; ה. ראגאף, דער גייסט פון פארווערטס, נ"י, 1954, ז"ז 107-114, און פארווערטס, נ"י, 12 אקט', 1957; י. ראדאק, קונסט און קינסטלער, נ"י, 1955, ז' 130; מ. ראוויטש, קענעדער אדלער, מאנטרעאל, 20 יאנ', 1958.
UJE, V. 4, p. 611.

**גינזבורג, איסר** — (28 אקטי, 1872 — 12 אקטי, 1947) — געב' אין דרעוועלטאוו, קאוונער געגנט, ליטע, אין אן ארעמער משפחה. געלערנט אין ישיבות אין ווילקאמיר און ווילנע. צו 13 יאר, אין ווילנע, אנגעהויבן לייענען די השכלה־ליטעראטור, געווארן א לערער פון העברעאיש און יידישער געשיכטע פאר א גרופע יונגע בחורים, וואס האבן זיך גערופן אוהבי ירושלים, און פארלאזט די ישיבה. צו 16 יאר זיך באקענט מיט א גרופע יידישע סאציאליסטן און זיך גענומען צו אלגעמיינער בילדונג. זיינע ערשטע לערערס זיינען געווען: מענדל ראזענבוים, ארקאדי קרעמער און יודין־אייזענשטאט. האט לכתחילה זיך געגרייט צו פארן קיין ברעסלע, דייטשלאנד, שטודירן אויף ראבינער, אבער חרטה געהאט און איז אין 1893 אוועק קיין אמעריקע. שטודירט מעדיצין אין קארנעל אוניווערסיטעט און געווארן דאקטאר אין 1900.

נאך ייִנגלווייז אנגעהויבן שרייבן אין המליץ, אבער ערשט אין אמעריקע געווארן א פראפעסיאנעלער זשורנאליסט און שריפטשטעלער. צוערשט מיטגעארבעט אין דעם וופ"ב דער פאלקס־אדוואקאט, וואו געדרוקט אויך מעשהלעך. שפעטער — אין טעגלעכן העראלד. א קורצע צייט רעדאקטירט די וואכנטלעכע יוניאן־צייטונג און דעם חודש־זשורנאל דער נייער גייסט, זיך באטייליקט אין די פרייע געזעלשאפט, פרייע ארבעטער שטימע, צוקונפט און פארווערטס. איז אין פארווערטס פארבליבן א שטענדיקער מיטארבעטער ביז די לעצטע טעג